**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

**יואל רוטה**
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

בעזרת ה' יתברך

ערב שבת קודש פרשת ויקהל, שקלים, מברכים החודש, כ"ח אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד ... מרו יאיר**

די וואך שבת שקלים קען מען זוכה זיין צו זייער הייליגע זאכן, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא כי תשא, ג) משה רבינו האט געפרעגט דעם אייבערשטן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מִשֶּׁאֲנִי מֵת אֵין אֲנִי נִזְכָּר", אז איך וועל שטארבן וועט מען מער נישט געדענקען פון מיר, וואס וועט זיין? "אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "חַיֶּיךָ", איך שווער, "כְּשֵׁם שֶׁאַתָּה עוֹמֵד עַכְשָׁו וְנוֹתֵן לָהֶם פָּרָשַׁת שְׁקָלִים וְאַתָּה זוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן", אזוי ווי יעצט זאגסטו פאר די אידן די פרשה פון די שקלים און דו הייבסט אויף זייער קאפ, "כָּךְ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה שֶׁקּוֹרְאִין אוֹתָהּ לְפָנַי", אזוי וועט זיין אלע יארן ווען מען וועט ליינען די פרשה פון שקלים, "כְּאִלּוּ אַתְּ עוֹמֵד שָׁם בְּאוֹתָהּ שָׁעָה וְזוֹקֵף אֶת רֹאשָׁן" וועסטו זיין מיט זיי און זיי אויפהייבן דעם קאפ.

דעם שבת קען מען פועל'ן אן אויפגעהויבענעם קאפ, מען קען זיך גוט אויסבעטן, זאגן: **"הייליגער באשעפער איך וויל א קאפ, איך וויל א ריינע קאפ, ריינע מחשבות, העלף מיר איך זאל האבן ריינע מוחין, נאר פון דיר טראכטן, נאר צו דיר זיך בענקען".**

מיר האבן א רבי מיט גוטע עצות, מיר דארפן איין זאך, מיר דארפן פאלגן דעם רבי׳ן, מיר דארפן אוועק לייגן די אייגענע שכל און טון וואס די היילּיגע צדיקים זאגן אונז.

א פריילּיכן שבת.

יואל רוטה